וירא תשפ"ז
גליון 303

דעם רבינ'ס ליכט

אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

דער ריינער קוואל

הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין גָאר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע צַייט, דִי צַייט וָואס דִי תּוֹרָה פַּארְצֵיילְט וְויאַזוֹי מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן דֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענֶער פָּאלְק, וָואס שְׁטַאמֶען פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס וָואס הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן נָאר פַאר אֵיין זַאךְ, צוּ מְפַרְסֵם זַיין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה דֶערְצֵיילְט אוּנְז פַּארְוָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט אַבְרָהָם אָבִינוּ. אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט: "וְאַבְרָהָם הָיוֹ יִהְיֶה לְגוֹי.. כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה' לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט" זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אוֹיפְן פְּלַאץ: אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ וַוייל עֶר בַּאפֶעלְט זֵייעֶר קִינְדֶער: "הִיט אוּן גֵייט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת". פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, עֶר אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵגָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער מֶען דַארְף וִויסְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט סְתַּם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת מִיט גֶעשִׁיכְטֶעס, תּוֹרָה אִיז פוּן לָשׁוֹן הוֹרָאָה - סְ'אִיז אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב אוּן עֶלְטֶער וְויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס (תּוֹרָה מ"ח חלק ב') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶס דַארְף אוֹיף אִים אַרִיבֶּער גֵיין אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, עֶס דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז מֶען וִויל אִים דֶערְוַוייטֶערְן פוּן הִימְל, מֶען וִויל אִים נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶועריקַייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת וָואס אַ אִינְגְל הָאט, צוּ דָאס אִיז אִין חֵדֶר, וֶוען קִינְדֶער מַאכְן "חוֹזֶק" פוּן אִים, אָדֶער הָאט עֶר חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן סְ'גֵייט אִים נִישְׁט, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז נָאכְאַלְץ זַיין חָבֵר.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן קַאלְטְקַייט וָואס דֶער בַּעַל דָּבָר וִויל אִים אַרָאפְּוַוארְפְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גוּט וִויסְן, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד גִיט זִיךְ נָאר אַ פִּיצְקֶעלֶע רִיר אִין עֲבוֹדַת

ה׳ אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, דִי וֶועג פוּן אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָּׁה, דִי וֶועג פוּן שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ. אוּן אִין דִי וָואכְן וֶוען מֶען לֵיינְט אִין תּוֹרָה דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת קֶען מֶען זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען וִויאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן ״חַיָּב כָּל אָדָם לוֹמַר מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂי אֲבוֹתַי״ יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ זָאגְן, וֶוען וֶועט מֵיינֶע מַעֲשִׂים אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַעֲשִׂים פוּן דִי אָבוֹת.

דִי זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים וָואס מֶען דֶערְמַאנְט זֵיי דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיי יֶעדְן תְּפִלָּה, זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֵיין אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אָמֵן וְאָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת

איין אשה'לע

הֶערְשְׁל וָואס מַאכְסְטוּ?

גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶע חֲסָדִים.

דוּ בִּיסְט מְפַרְסֵם דֶעם רֶבִּי׳נְס נָאמֶען מִיט דַיין שְׁמֵייכְל, דוּ מַאכְסְט אַ גְרוֹיסְן קִדּוּשׁ ה׳.

הֶערְשְׁל דִי בִּיסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַלְס אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער, וֶוען הָאסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעעֶפְנְט אַ בְּרֶסְלֶבֶער סֵפֶר?

אִיךְ דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל קְרַאצְן מֵיין שְׁטֶערְן, אוּן צוּרִיק אָנְטוּן דִי שִׁיךְ פוּן חֵדֶר, אוֹיבּ אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט אִיז עֶס גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ח׳.

לָאמִיר מַאכְן אַבִּיסְל סֵדֶר אִין קָאפּ. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין אַ חֵדֶר פוּן נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידוּת וִוי אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט דִי דָארְטִיגֶע חֲסִידוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעגְלִידֶערְט דָארְט אוּן זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קָאסְטְן פוּן דִי אוּנְגֶערִישֶׁע וַויין - דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס זִיסֶע עֵצוֹת אוּן תּוֹרוֹת, אָבֶער צוּ מִיר הָאט עֶס נָאכְנִישְׁט גֶערֶעדְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן בְּרֶסְלֶב. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן מֵיין חֵדֶר אוּן מֵיינֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן זֵיי, נָאר זֵיי גֶעפֶעלְן.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח אוּן אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דֶעם אֲפִיקוֹמָן פוּן מֵיין בְּרוּדֶער הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ דַארְף? הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִים אַ פּוֹיקֶער!.. אָבֶער מֵיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט, נֵיין! אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְן אַ טִיקֶעט צוּ קֶענֶען פָארְן קֵיין אוּמַאן... אָבֶער אִיךְ הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס מֵיינִיגֶע, אִיךְ דַארְף אַ פּוֹיקֶער!!

אַזוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וִכּוּחַ אַהִין אוּן צוּרִיק, וֶוען מֵיין טַאטֶע שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, וַוייל מֵיין טַאטֶע הָאט שׁוֹין דַאן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסֶעלֶע פַארְזוּכְן פוּן דֶעם גוּטְן וַויין.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער לֶערְנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶל פַארְבִּינְדְן מִיט אַ חֲסִידוּת, הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט פַאר מִיר אַ טוֹיעֶר צוּ קֶענֶען וֶוערְן מֶען נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי׳ן. מֵיין טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעפָארְן יֶעדֶע יָאר קֵיין אוּמַאן, אוּן הָאט

מִיר מִיטְגֶענוּמֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פַאר מַיין בַּר מִצְוָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶען טוּט דָארְט אִין אוּמַאן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעזָאגְט קַאלְטֶערְהֵייט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, הָאט אוּמַאן גֶעמֵיינְט פַאר מִיר "עֶסְן בַּיי שַׁיינֶער" "פּוּשְׁקִינָא גַאס" א.ד.ג. וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט חִפּוּשׂ אוּן בַּקָּשָׁה צוּ זוּכְן בַּיים רֶבִּי'ן עֶפֶּעס וָואס קֶען הֶעלְפְן מַיין נְשָׁמָה.

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעהַאט אַ חַבֵר אִין חֵדֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער, עֶר פְּלֶעגְט לֶערְנֶען סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חַבְרוּתָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דֶעם סֵפֶר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי זֵיי לֶערְנֶען אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אָנְגֶעצוּנְדְן מַיין נְשָׁמָה, הָאט אִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אִיךְ הָאבּ דָאס גוּט גֶע'חַזֶר'ט, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְס גֶעוֶוען וַוייט פוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת.

אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ אַרַיין אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶע חַבוּרָה פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ער בַּחוּרִים, (אַ סוֹד פַאר גַאנְץ בְּרַאד..) דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין יֶענֶע יְשִׁיבָה, (עַד מָתַי עֻזֵּךְ בַּשֶּׁבִי...) דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער נֶענְטֶער וֶוערְן, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעגַאנְגֶען מֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט צְווִישְׁן לִינְקְס אוּן רֶעכְטְס, וְוִיאַזוֹי אִיךְ נוּץ דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אוֹיף מַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי חֲבוּרוֹת וָואס הָאט נָאךְ גֶעמֵיינְט בַּיי מִיר "רָאגַאלַאךְ פוּן בְּרִיזְל" אוּן טְרֶעפְן גוּטֶע חֲבֵרִים.. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ טְרוּקְנְקַייט צוּ דִי גַאנְצֶע חַבוּרָה (זֶעט אוֹיס מַיין גַאֲוָה אִיז נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיף אַ הוֹיכֶע שְׁטַאפְּל..)

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַנְדֶערֶע מַשְׁפִּיעִים אוּן טִישְׁן פוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת אוּן גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס חִיוּת דָארְטְן אוֹיף בִּיזְדֶערְוֵוייל. אִיךְ פְּלֶעג שְׁפַּאצִירְן צוּ דִי טִישְׁן אוּן אַהֵיימְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת פַּארְטָאגְס, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְן עֶפֶּעס לוּפְט פַאר מַיינֶע טְרוּקֶענֶע לוּנְגֶען וָואס אִיז טְרוּקְן גֶעוָוארְן פוּן אַזוֹיפִיל זוּכְן...

עַד מָתַי אַתֶּם פֹּסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִפִּים

אִין יֶענֶע צַייט הָאט אִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען סֵפֶר מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן וָואס הָאט מִיר צוּרִיק בַּאנַייט מַיין קֶשֶׁר צוּם רֶבִּי'ן. דָארְט אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן מְשׁוּגָע מַאכְן וָואס אִיךְ זוּךְ אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט גַאנְץ שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת וַוייל פוּן אֵיין זַייט הָאט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אַן עֶקְסְטֶערֶע גֶעשְׁמַאק בַּיי דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲבוּרוֹת וֶוען אִיךְ פְּלֶעג גֵיין דָארְט הָאט דָאס גֶעמֵיינְט פַאר מִיר נָאר פָארְן אוֹיף נְסִיעוֹת א.ד.ג אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס עֶצֶם לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דָארְט, אָבֶּער דִי טִישְׁן הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶעבֶּעדִיג מִיט אַ בְּרֶען א.א. וו.

וֶוען מַיין חַבְרוּתָא הָאט מִיר אַפִּיר גֶענוּמֶען אִין אַ זַייט אוּן שְׁטְרֶענְג גֶעזָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים" דוּ ווִילְסְט לֶעבְּן אָדֶער פַּארְקֶערְט? דוּ וֵוייסְט אַז דוּ

המשך אויף זייט 4

מַאכְסְט זִיךְ כַּלְיָא אוֹיף דוֹרוֹת אוֹיבּ דוּ גֵייסְט צוּ דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע? אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט נָאךְ שְׁטוּתִים וָואס אִיךְ גֶעדֶענְקְט שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט. דֶער חַבֶר הָאט מִיר אַזוֹי גוּט פַארְדְרֵייט מַיין קָאפּ אַז אִיךְ הָאבּ, יֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי גֶעפְּלַאנְט אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן מִיט בְּרֶסְלֶב (לַיידֶער) אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ גֵיין צוּ דִי חַבוּרוֹת אַלֶעס צוּלִיבּ דִי שְׁלֶעכְטֶע הַשְׁפָּעָה וָואס דֶער חַבְרוּתָא הָאט גֶעלָאזְט אוֹיף מִיר.

יֶענֶע נַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעוַואקְלְט צְוִוישְׁן יָא אוּן נֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר לָאמִיר גֵיין צוּ דִי חַבוּרוֹת נָאךְ אֵיין מָאל פַאר אִיךְ גֶעבּ אִינְגַאנְצְן אוֹיף...

דִי סֵדֶר בַּיי דִי חַבוּרוֹת אִיז גֶעוֶוען אַז אֵיינְמָאל אִין חֹדֶשׁ אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר יֶעדֶע חַבוּרָה צוּ פָארְן אִין פֶעלְד, זִיךְ קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין חוּץ לְיִשׁוּב, צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרֶעזֶעלֶעךְ וואוּ דֶער שֶׁקֶר פוּן דֶער וֶועלְט קוּמְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָן אוּן טְרֶעפְט נִישְׁט דָארְט קַיין אוֹיבְנְאָן, יֶענֶעם נַאכְט הָאט מַיין חַבוּרָה גֶעדַארְפְט פָארְן אִין פֶעלְד מִיט אַ טֶענְדֶער, מַיין רֹאשׁ הַחֲבוּרָה אִיז יֶענֶעם לֵיל שִׁישִׁי גֶעוֶוען אוֹיף אַ חֲתוּנָה אִיז עֶר נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט מֶען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי חַבוּרָה מִיט אַן אַנְדֶערְן חַבוּרָה פוּן אָן אַנְדֶערְן שִׁיעוּר - דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה, אַ אִיד וָואס בָּאר קוּקְן אוֹיף זַיין וַוארִימֶע שְׁמֵייכְל וֶוערְט דִי נְשָׁמָה צוּגָאסְן אוּן עֶס רִינְט גְלַייךְ אַרוֹיס דִיבּוּרִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - הָאבְּן דִי צְוֵויי חֲבוּרוֹת זִיךְ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפָארְן אִינְאֵיינֶעם מְקַיֵים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצָה.

דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר' פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשְׁער עָלָיו הַשָׁלוֹם, דֶער גָאר גוּטֶער עֶרְלִיכֶער מְלַמֵד פוּן קִיבְּלִיטְשׁ וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַרַיינְצוּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין זַיין כִּתָּה, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעוָוארְן אַז דֶער אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער מְלַמֵד אִיז גָאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר... הָאבְּן לַיידֶער עֶטְלִיכֶע עֶלְטֶערְן אִים גֶעוָואלְט אוּמְבְּרֶענְ...

וֶוען ר' פִּנְחָס הָאט פַארְצֵיילְט פַאר דִי תַּלְמִידִים אַז דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶרֶע זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף אִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "קִינְדֶער אִיךְ גֶעבּ אַייךְ דִי בְּחִירָה אוֹיבּ עֶנְק ווִילְן קֶענֶען עֶנְק וַוייטֶער בְּלַייבְּן בַּיי מִיר אִין חֵדֶר אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֵצוֹת, וָואס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט לְנֶצַח נְצָחִים, אָבֶּער וֶוער עֶס שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן, קֶען אַהֵיימְגֵיין אוּן זוּכְן אַן אַנְדֶערֶער מְלַמֵד.

אוּן טַאקֶע דִי אַלֶע אִינְגֶעלֶעךְ וָואס הָאבְּן גֶעהַאט סְפֵּיקוֹת זֶענֶען לַיידֶער... אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס הָאבּ מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז דָא אִיז מַיין פְּלַאץ, פֹּה אֵשֵׁב, דָא אִיז מַיין לֶעבְּן! הָאבְּן זֵייעֶר שַׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם אֱמֶתְ'ן אוֹר.

אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ הַחֲבוּרָה אוֹיסְגֶעפִירְט אִינֶעם טוּנְקְל יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער וֶועלְדְ'ל: "טַייעֶרֶע בָּחוּרִים! וֶוער ווִיל בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן? וֶוער ווִיל לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת טְרָאץ וָואס עֶס בּוּדְשֶׁעוֶועט מְנִיעוֹת מִבַּיִת וּמִחוּץ, וֶוער מַאכְט הַיינְט אָפּ אַז דָא בַּיים רֶבִּי'ן בְּלַייבְּט עֶר אַ תַּלְמִיד??!"

דָאס זֶענֶען פּוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער חַבֶר הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶער פַארְקֶערְטֶער וֶועג. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי דִבְרֵי נְבוּאָה רֶעדְט אַרַיין צוּ מַיין הַארְץ אוּן נְשָׁמָה. מַיין חַבֶר אִיז אַ מַסִית וּמַדִיחַ! יָא! פֹּה אֵשֵׁב, הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיךְ בְּלַייבּ וואוֹינֶען אִין דַיין חֵדֶר, אִין דַיין שׁוּל, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיךְ וֶועל זִיךְ גֶעפִינֶען, יָא חֲבֵרִים נִישְׁט חֲבֵרִים, אִיךְ בּוֹי אוֹיף אַ יְשִׁיבָה אִין מַיין הַארְץ, דָארְט גֵייט דֶער רֶבִּי וואוֹינֶען... אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעלָאפְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין פוּן הָאפֶענוּנְג, דָאס אִיז דָאס! עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט מַיין חַבֶר, (עֶר פַארוּפְט זִיךְ גָאר מַיין חַבֶר...) דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר קְלָאר גֶעגֶעבְּן אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "דָא בְּלֵייבּ אִיךְ! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַיין רֶבִּי לָנֶצַח לִנְצָחִים!!"

אין קורצן פון פריער:

דעם רבינ'ס היילig קינד איז ליידער נפטר געווארן. דער רבי איז זייער בצער. ער זאגט אז משיח וועט שוין נישט קומען יעצט. דער רבי פארט קיין מעדוועדיווקע און טשערין ווי יעדעס יאר זומער.

דער רבי רעדט גרויסע סודות פון ביאת המשיח.

רבי נתן האט פארגעסן פיל פון די זאכן וואס דער רבי האט דאן גערעדט. און די פאר נקודות וואס ער האט נאך יא געדענקט, האט ער אפגעשריבן ברמז מיט ראשי תיבות. דער כתב יד איז באוואוסט געווען אלס "מגילת סתרים".

אין די פריערדיגע קאפיטל איז נישט קלאר געשריבן געווארן וואס איז געווארן מיט די כתבים. אצינד וועלן מיר ברענגען די ריכטיגע מקור:

דער עורך פון ימי מוהרנ"ת שרייבט אז עטליכע איבערגעשריבענע בלעטער פון די רמזים פון דער מגילת סתרים זענען געווען אין באזיץ ביי די ברסלב'ער חסידים, אבער קורץ נאך רבי נתנ'ס הסתלקות זענען די כתבי ידות פארלוירן געגאנגען.

ער שרייבט דארט אז דער רבי האט מגלה געווען די הויכע סודות פאר רבי נתן און רבי נפתלי מיט א תנאי אז זיי וועלן דאס איבערגעבן נאר פאר איינעם פון יעדן דור. רבי נתן האט דאס פאר קיינעם נישט איבערגעגעבן ווייל דאן האט רבי נפתלי נאך געלעבט. נאך רבי נתנ'ס פטירה האט רבי נפתלי דאס איבערגעגעבן בעל פה צו רבי אהרן ליפוועצקער ז"ל, און ער האט דאס איבערגעגעבן פאר רבי אברהם ב"ר נחמן חזן. פאר זיין פטירה איז ער געווארן נישט געזונט און ער האט פארלוירן דעם דיבור, דערפאר איז נישט באקאנט צי ער האט דאס איבערגעגעבן פאר א צווייטן אדער נישט.

רבי אליהו חיים ראזען ז"ל, תלמיד מובהק פון רבי אברהם חזן פלעגט זאגן, "דער וואס ווייסט זאגט נישט און דער וואס זאגט ווייסט נישט..."

אצינד ליינט ווייטער:

דער רבי אנטפלעקט די ערשטע מעשה

ווי געשריבן אין פריערדיגע קאפיטל, האט דער רבי זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו באזוכן זיינע חסידים אין מעדוועדיווקע און טשערין, ווי זיין שטייגער יעדן זומער. רבי נתן האט אים באגלייט א שטיק וועג וואס דאן האט דער רבי אנטפלעקט די סודות איבער ביאת המשיח. דערנאך איז דער רבי ווייטער געפארן אין וועג מיט זיינע חסידים. ביי יענע נסיעה האט דער רבי אנטפלעקט די ערשטע מעשה פון סיפורי מעשיות.

מיר האבן נישט קיין פונקטליכע פרטים וועלכע חסידים עס זענען דארט געווען און פונקטליך וואו און ווען עס איז געווען, צי ס'איז געווען פאר טשערין אדער נאך, דאס ווייסט מען יא, אז ס'איז געווען ערגעץ אינמיטן ווען קיין מעדוועדיווקע.

דאס איז געווען א נייע אנטפלעקונג פאר די חסידים. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: "מיינע תורות און שמועסן זענען נישט גענוג אייך צוריקצובריינגען צום אויבערשטן, דערפאר וועל איך אנהייבן צו דערציילן מעשיות." דאן האט דער רבי אנגעהויבן צו דערציילן די מעשה פון די פארלוירענע בת מלכה...

רבי נתן איז שוין נישט געווען מיט'ן רבי'ן דאן, ער האט אים באגלייט נאר א שטיקל וועג. אבער ווען דער רבי איז אהיימגעקומען האט ער אים איבער דערציילט די מעשה. שפעטער האט רבי נתן צאמגענומען אלע מעשיות און געמאכט דערפון א חיבור וואס מיר קענען היינט זייער גוט, דאס איז אונזער באקאנטע סיפורי מעשיות.

רבי נתן האט געשריבן אין די הקדמה אז דעם רבי'נס מעשיות זענען גענצליך נייע מעשיות וואס זענען נאך קיינמאל נישט דערציילט געווארן. דער רבי האט דאס אלעס משיג געווען דורך זייער הויכע השגות. דער רבי האט גענומען גרויסע און געוואלדיגע הויכע סודות און דאס באקליידעט אין א מעשה!

דער רבי האט געזאגט אויף די מעשיות: "די מעשיות ענטהאלטן גאר טיפע און באהאלטענע סודות! זיי זענען פאסיג צו ווערן גע'דרשנ'ט ברבים. א מענטש קען זיך אויפשטעלן אין שול און דערציילן זיי וועלכע פון די מעשיות. איינער וואס האט אן אויסגערייניגטע הארץ פון תאוות און שלעכטע מידות און קען זיך אויס מיט קבלה, וועט קענען פארשטיין עפעס פון די רמזים פון די מעשיות. מען קען זיך ארויסלערנען א מוסר השכל אויף גוטע מידות און זיי פארמאגן דעם כח צו ערוועקן דאס הארץ צום אויבערשטן."

דער רבי האט אויך געזאגט: "וואס קענען שוין מענטשן האבן קריטיק אויף די מעשיות? נאך אלעם זענען זיי שיינע מעשיות...

ראש השנה תקס"ז

עטליכע וואכן שפעטער, יענעם ראש השנה, האט דער רבי געזאגט א תורה וואו ער ערקלערט דעם כח פון די מעשיות צו ערוועקן מענטשן צו דינען דעם אויבערשטן מיט א חיות. דער רבי זאגט אין די תורה צווישן אנדערע: "עס זענען פאראן מענטשן וועלכע דאווענען און לערנען טאקע אבער זיי טוען דאס אלעס אן קיין חיות און דערפאר פארשאפן זיי נישט די ריכטיגע נחת רוח פאר'ן אויבערשטן מיט זייער עבודה."

דער רבי איז מסביר אז ווי טיפער א איד'ס רוחניות שלאפט, אלץ א העכערע דרגה פון סודות התורה פעלט אויס אים צו זאגן אז ער זאל זיך אויפוועקן פון שלאף. אבער כדי אריינצוברענגען די הויכע סודות התורה אין דעם איד, דארף מען דאס באקליידן אין א מעשה אז ער זאל קענען פארנעמען אזעלכע אורות.

אזעלכע מעשיות ווערן אנגערופן, "מעשיות פון שנים קדמונים – געשיכטעס פון גאר פריערדיגע יארן."

א גרויס פון די ברהמות

וואס האט געזוכט דער ברסלב'ער חסיד אין די רהמות האריזאנס אין די ווייטע אמעריקע?

וואס האט אים ר' נאשקע איבערגעלאזט א הערליכע פשט פון ר' נתן?

וויאזוי שטייט מען א שול פון רבי'ן אין בארא פארק?

כ"א חשון פאלט אויס די יארצייט פון הגה"ח רבי משה אריה הערשאנאוו זצ"ל פון אנשי שלומינו חסידי ברסלב אין ארה"ב, וועלכער איז נפטר געווארן אין יאר בשנת תשל"ו

רבי משה לייב זצ"ל איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער הגה"ח רבי אהרן יוסף הערשאנאוו זצ"ל פון די גאר חשוב'ע אנשי שלומינו פון שטאט טעפליק און א גאר גוטער פריינד פון רבי נאשקע טולטשינער זצ"ל אייניקל פון רבי נתן זיע"א.

רבי משה לייב, איז דער וועלכער האט איבערגעשריבן און צוגעגרייט צו דרוק די באוואוסטע ספרים "השתפכות הנפש " - און "משיבת נפש" וואס איז געווארן צאמגעשטעלט דורך הגה"ח רבי אלתר טעפליקער זצ"ל.

רבי משה לייב האט פארשיינליך געוואוינט אין שטאט אומאן און צווישן די ערשטע און צווייטע וועלט קריג איז ער אריבער פון אוקריינע קיין מאנטריאל, קאנאדא און שפעטער האט ער זיך ווייטער געצויגן קיין מאנסי, אמעריקע. און האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער.

איש החסד

כאטש ער איז נישט געווען קיין עושר, האט ער געהאלטן פאר א חוב קדוש ארויסצוהעלפן זיינע ברידער, און ער האט מיט א ברייטע האנט געשטיצט אונזערע לייט וועלכע האבן געקרעכצט אונטערן יאך פון די קאמוניסטישע רעגירונג.

במשך לאנגע יארן פלעגט ער שיקן פעקלעך וואס האבן אנטהאלטן געלט, עסנווארג, קליידער און חפצי קדושה. א דאנק זיין שטיצע האבן אונזערע ברסלב'ע לייט אין די שטעט אומאן, טולטשין, בארדיטשוב און טעפליק זיך געקענט האלטן און האבן א קיום סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

רבי משה לייב האט אויך געזארגט צו שיקן פאר רבי נאשקע טולשינער שמן-זית און קנויטלעך צו צינדן דעם נר-תמיד ביים ציון פון הייליגן רבי'ן. אויפן באפעל פון זיין טאטן האט רבי משה לייב ווייטער געשיקט געלט - נאך זיין טאטעס פטירה - צו רבי נאשקע ער זאל דאס אויסטיילן פאר די ארימע אנשי שלומינו חסידי ברסלב אין אוקריינע. ער פלעגט טאקע גאר שטארק שטיצן רבי נאשקע אין אלע זיינע חשוב'ע אויפטועו.

אין א בריוו וואס ר' נאשקע האט אים געשיקט שרייבט מיט דעם לשון: " אויב גיבט איר צדקה לטובת נשמת פון אייער פאטער, טוט איר טאקע ריכטיג די רצון פון אייער פאטער ז"ל... ווייל דיין פאטער האט זיך פאררעכנט אלס איינער פון מיינע גאר נאנטע און האט געוואלט מיין טובה, אין זיין לעבן פלעגט ער מיר שעטנדיג טון גאר גרויסע טובות מיט א ספעציעלע פריינדשאפט און ובהצנע לכת. אשרי לו ואשרי חלקו, ער האט עוסק געווען אין דעם ענין פון 'משכיל אל דל' מיטן גאנצן לב ונפש באהאלטענערהייט, ושמעו הולך על כל הסביבות, בכל מיני צדקות וטובות שעשה להרבה אנשים".

רבי משה לייב זצ"ל איז נפטר געווארן כ"א חשון תשל"ו ווען ער איז אלט געווען 76 יאר, ווי פריערדערמאנט, האט ער נישט איבערגעלאזט קיין זרע של קיימא.

ער איז באערדיגט געווארן אין בית החיים פון קהילת פאפא אין ניו דשזערסי, אמעריקע, אין דעם בית החיים ליגן באערדיגט נאך גרויס צדיקים.

בעז"ה קומענדיגע וואך וועלן מיר בער באריכת שרייבן וועגן רבי משה לייב. תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן

א שטיקל פון ליקוטי תפלות (כ"ח) אויף די וואכעדיגע פרשה

"הכנסת אורחים"

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער אוּן גֶענַאדִיגֶער פָּאטֶער, זַיי מִיר מְזַכֶּה מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִדַּת הַחֶסֶד, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אוּן בַּאהֶעפְטְן מִיט דִי מִדָּה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וֶועלְכֶע הָאט גֶעטוּן חֶסֶד אַלֶע זַיינֶע טֶעג.

זַיי אוּנְז מְזַכֶּה מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען פַּאסִיגֶע גֶעסְט אִין מַיין שְׁטוּבּ, מַיין הוֹיז זָאל זַיין אַ פַאַרְזַאמְלוּנְג הוֹיז פַאר דִי חֲכָמִים, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרייְנְצוּבְּרֶענְגֶען גֶעסְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אִין מַיין שְׁטוּבּ.

אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְצוּנֶעמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד, אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ שְׁטֵיין פַאר זֵיי אוּן זֵיי בַּאדִינֶען אוּן אַלֵיין מְשַׁמֵּשׁ זַיין מִיט אַלֶע סָארְטְן בַּאדִינוּנְגֶען אוּן אַלֶעמָאל זָאל אִיךְ זַיין אוּנְטֶערְגֶעבּוֹיגְן אוּנְטֶער דִי הַאנְט פוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אוּן שְׁטֶענְדִיג זֵיי בַּאדִינֶען בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נִכְלָל אִין דִי מִדָּה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם צוּ זַיין גַאנְץ אִין דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד בֶּאֱמֶת.

פארלוירן אינעם וואלד

המשך פון זייט 12

אִין כִּתָּה אִיז עֲקִיבָא גֶעוֶוען אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער תַּלְמִיד אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיּוּת. עֶר פְלֶעגְט טֵייטְלֶען אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא מִיט זַיין פִינְגֶער, זִיךְ צוּהֶערְנְדִיג מִיט דָארְשְׁט צוּ ר' יְחֶזְקֵאל דֶער מְלַמֵּד. עֶר הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אָט דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה גֵייט פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען צוּ אַ הַאסְטִיגְן אָפְּשְׁטֶעל.

פַאר חוֹדֶשׁ נִיסָן, הָאט זַיין טַאטֶע אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אַז דִי מִשְׁפָּחָה גֵייט אַרִיבֶּער וואוֹינֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם. עֲקִיבָא הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גֶעפוּנֶען אִין אַ כִּתָּה מִיט גַאנְצֶע 32 קִינְדֶער! בִּיז יֶעצְט אִיז זַיין גַאנְצֶע כִּתָּה בַּאשְׁטַאנֶען פוּן בְּלוֹיז אַכְט אִינְגְלֶעךְ. נָאךְ מֶער, פַאר יֶעדְן עֶלְטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען דְרַיי פַּארַאלֶעל כִּתּוֹת! עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן. עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעוְואוֹינְט צוּ זֶען הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער שְׁפִּילְן, לוֹיפְן, שְׁרַייעֶן אוּן זִיךְ טַעֲנָה'ן. אֲפִילוּ דִי אוֹיטָאבּוּסְן אוֹיף דִי גַאסְן אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען. עֲקִיבָא הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט, פּוּנְקְט ווִי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִינֶעם וַואלְד.

ר' נַחְמָן, דֶער מְלַמֵּד, הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר עֲקִיבָא, אוּן עֶר פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן. נָאכְן לֶערְנֶען, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט מִיט אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִינֶעם וַואלְד. "זָאלְסְט וִויסְן," הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב אִין לֶעבְּן, אִיז שְׁטֶענְדִיג - אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג - דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה זִיךְ אוֹיסְגִיסְן מִיט אַ גֶעוֵויין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן בֶּעטְן פוּן אִים פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ. פּוּנְקְט ווִי דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן וַואלְד, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם בֶּעטְלֶער מַמָּשׁ אִינְמִיטְן זֵייעֶר צָרָה."

סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

מַעֲשֶׂה יג׳
דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס׳

וַיְהִי הַיּוֹם, אוּן סְ׳גֶעוֶוען אַ בְּרִיחָה [אַנְטְלוֹיפוּנְג] אִין אַ מְדִינָה, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גֶעוָוארְן.

וִוי זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ אַ וַואלְד - הָאבְּן זֵיי דָארְט פַּארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר אוּן אַ נְקֵבָה - אֵיינֶער הָאט פַּארְלוֹירְן אַ זָכָר, אוּן אֵיינֶער הָאט פַּארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה - אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, פוּן פִּיר־פִינֶעף יָאהְר.

דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן.

דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס [זֶעק]. הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן טְשֶׁעפְּן זִיךְ [נָאנְט וֶוערְן] צוּ אִים, אוּן צוּ טוּלְן זִיךְ [נָאכְשְׁלֶעפְּן] צוּ אִים.

הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן.

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיר אַהֶער"? הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר וֵוייסְן נִישְׁט", וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן זֵיי - הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ" - הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "דָאס וִויל אִיךְ נִישְׁט, אַז אִיר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר".

דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גֶעטָאן, אִיז דֶער ׳בֶּעטְלֶער׳ ׳בְּלִינְד׳ - אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז ׳בְּלִינְד׳, וִויאַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין.

(אוּן צוּם אֱמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גֶעוֶוען, וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען - לוּשְׁמִיר [נָאר] זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען).

הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט (דֶער ׳בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער׳): "אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ, אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ".

אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָּחָה גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אַהֶער אַ ׳בְּלִינְדְן־בֶּעטְלֶער׳, עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶסְן.

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט - הָאבְּן זֵיי וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן [אַז זֵיי דַארְפְן] ׳עֶסְן׳.

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט. אִינְדֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גֶעהַאט צוּ עֶסְן - הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט.

דֶערְוַוייל, אִיז וִוידֶער אָנְגֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳טוֹיבֶּער׳, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֶעדְן - וַוייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט, אוּן זָאגְט צוּ זֵיי: "אִיךְ הֶער גָארְנִישְׁט".

אוּן דֶער ׳בֶּעטְלֶער׳ הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן

בְּרוֹיט צוּ עֶסְן – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט.

אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט: ״אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ״ – אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעלָאזְט בְּרוֹיט – אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי וִוידֶער גֶעשְׁרִיגְן כַּנַ״ל.

אִיז וִוידֶער גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ ׳בֶּעטְלֶער׳, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳כְּבַד־פֶּה׳ (כְּלוֹמַר: עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן, הָאט עֶר גֶעשְׁטַאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד – הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט יָא גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן – נָאר זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, וָוארְן עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט.

הָאט דֶער ׳בֶּעטְלֶער׳ זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט: ״אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־וִוי עֶר״ – אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּנַ״ל.

דֶערְנָאךְ, אִיז וִוידֶער גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ ׳קְרוּמֶען־הַאלְז׳, אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען כַּנַ״ל. דֶערְנָאךְ, אִיז וִוידֶער גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳ אַ ׳הוֹיקֶער׳. דֶערְנָאךְ, אִיז וִוידֶער גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער ׳אָן־הֶענְט׳. דֶערְנָאךְ, אִיז גֶעקוּמֶען אַ ׳בֶּעטְלֶער׳ ׳אָן־פִּיס׳.

אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט: ״אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־וִוי עֶר, גָאר אַזוֹי־וִוי יֶענֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳״, כַּנַ״ל.

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ וֶועג.

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ דָארְף – זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין, הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אוּן מְ׳הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט.

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט. פְּלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן סְ׳גוּט, מְ׳גִיבְּט זֵיי בְּרוֹיט.

הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְוִוישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט, אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] זַיין אִינְאֵיינֶעם – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע ׳טָארְבֶּעס׳, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי ׳הַייזֶער׳ – אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע ׳שִׂמְחוֹת׳, אוֹיף ׳בְּרִיתְ׳ן׳, אוּן אוֹיף ׳חֲתוּנוֹת׳.

אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין ׳שְׁטֶעט׳ אַרַיין, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי ׳הַייזֶער׳, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי ׳יְרִידִים׳. אוּן פְּלֶעגְן זִיצְן צְוִוישְׁן דִי ׳בֶּעטְלֶערְס׳, אַזוֹי־וִוי זֵיי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי ׳פְּרִיזְבֶּעס׳ [שְׁטֵיינֶערְנֶע בֶּענְק], מִיט דִי ׳טֶעלֶער׳ [צוּ זַאמְלְן גֶעלְט דֶערִין].

בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שוֹין גֶעוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳ – וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט, אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד כַּנַ״ל.

:pe ________________

לאמיר זיך פארהערן

די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (2)

א. וואו זענען די קינדער פארלוירן געווארן?
- ❑ אין א שטאט
- ❑ אין א מדבר
- ❑ אין א וואלד

ב. וואס איז געווען דער ערשטער בעטלער?
- ❑ א בלינדער
- ❑ א טויבער
- ❑ א כבד פה

ג. וואס האט זיי דער בעטלער געוואונטשן
- ❑ גרויסע עשירות
- ❑ זיי זאלן טרעפן זייער עלטערן
- ❑ זיי זאלן זיין אזוי אלט וואו איך

ד. וואס האט זיי דער בעטלער איבערגעלאזט
- ❑ ברויט
- ❑ וואסער
- ❑ פרוכט

ה. וואס איז געווען דער פערדער בעטלער?
- ❑ א הויקער
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ אן הענט

ו. שאלת זכות: וואס איז דער סדר פון די בעטלערס?
- ❑ א טויבער, א בלינדער, א כבד פה, א הויקער, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.
- ❑ א בלינדער, א טויבער, א כבד פה, א קרומער האלדז, א הויקער, אן הענט, אן פיס
- ❑ א טויבער, א כבד פה, א בלינדער, א הויקער, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.

ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט

טיפער געטראכט

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א"ידיד"?

ביי וועלכע מעשה ווערט דערמאנט א אינגעלע מיט א מיידעלע וואס זיי זענען אלט פיר יאר?

אלע בעטלערס האבן זיי געבענטש זיי זאלן זיין אזוי זוי – ביי וועלכע בעטלער האט דער רבי מפרש געווען וואס ער האט זיי געבענטש?

זיי זענען געגאנגען אויף אלע שמחות – וואספארא שמחות איז דער רבי מפרש?

ויפיל מאל ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "חתונה"?

תשובות אויף די מעשה פון די זיבן בעטלערס (1)

וועלכע מעשה נאך דערציילט דער רבי אויף א מלך וואס האט געהאט א בן יחיד און האט אים אפ געגעבן די מלוכה?

מעשה ב' פון דער מלך און דער קיסר - וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶועְן אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד... אוּן הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דִי מְלוּכָה

אין וועלכע מעשה שטייט "ווי בין איך אין דער וועלט"?

מעשה א' פון אבידת בת מלך - דער משנה למלך האט דאס געפרעגט פאר דער משרת צוויי מאל

צו ענטפערן די בחינות, רופט

02-5-3333-72

פאַרלוירן אינעם וואַלד

עס כַאפּט אַ פַּחַד און אַ שְׁרֶעק וֶוען מִיר פְּרוּבִּירְן זִיךְ פָאַרצוּשְׁטֶעלְן דִי סְצֶענֶע: צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אֵיינֶער פוּן בְּלוֹיז פִיר אוּן דֶער צְוֵוייטֶער פוּן פִינְף יָאר אַלְט, זֶענֶען אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. נִישְׁט קֵיין טַאטֶע, נִישְׁט קֵיין מַאמֶע, זֶענֶען זֵיי אַלֵיין גֶעשְׁטְרַאנְדֶעט אִין אַ גְרוֹיסְן, שְׁרֶעקֶעדִיגְן וַואלְד, אָן קֵיין שוּם הִילְף אָדֶער שְׁטִיצֶע. עס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עס זָאל זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זֵייעֶר צוּשְׁטַאנְד, אָדֶער זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵייעֶרֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט פַארְלוֹירְן.

וָואס טוּט אַ מֶענְטְש וֶוען עֶר פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן?

זֵיי זֶענֶען דְרִינְגֶענְד אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף אַ בַּאלְדִיגֶע יְשׁוּעָה. זֵיי לֶעקְצְן נָאךְ אַבִּיסְל טְרֵייסְט, נָאךְ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן - סַיי וָואס, אַבִּי צוּ קֶענֶען אוֹיף עֶפֶּעס מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין מוֹיל, כְּדֵי צוּ קֶענֶען צוּזַאמֶענְנֶעמֶען פְּרִישֶׁע כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין אוּן אִיבֶּערְלֶעבְּן דֶעם טָאג.

צוּ וֶועמֶען קֶענֶען זֵיי זִיךְ וֶוענְדְן? פוּן וֶועמֶען קֶענֶען זֵיי בֶּעטְן הִילְף?

״און זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט!״ דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן אִין אַזַא פַארְלוֹירֶענֶע אוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע מַצָּב: שְׁרַייעֶן! וֵויינֶען! אוֹיסְגִיסְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶערְט דִי גֶעשְׁרַייעֶן אֲפִילוּ פוּן צְווִישְׁן דִי עֶנְדְלָאזֶע בֵּיימֶער אִין גֶעדִיכְטְן וַואלְד. ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין פַארְלוֹירְן!״

און וֶוער הֶערְט אוֹיס דִי גֶעשְׁרַייעֶן פוּנֶעם וַואלְד?

דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראַל! עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ דִי גֶעוֵויין פוּן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן עֶר וֶוערְט כִּבְיָכוֹל אָנְגֶעפִילְט מִיט גְרֶענִיצְלָאזֶע רַחֲמָנוּת. און אָט, אִין דִי רֶגַע וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און גֶעוֵויינְט אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערְן גּוֹרָל, הָאט דִי יְשׁוּעָה נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט צוּ קוּמֶען. הַארְט נֶעבְּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן אַ בֶּעטְלֶער, טְרָאגְנְדִיג מִיט זִיךְ בְּרוֹיט...

עֲקִיבָא הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְּט אַ גֶעשְׁמַאקֶע, רוּאִיג לֶעבְּן. אִין זַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה זֶענֶען סַךְ הַכֹּל גֶעוֶוען 42 קִינְדֶער, און דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער חֵדֶר אִינֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט. עֲקִיבָא פְלֶעגְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ גֶעמִיטְלִיךְ שְׁפַּאצִירְן אִין חֵדֶר אַרַיין, קוּקְנְדִיג מִיט הֲנָאָה אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע הַייזֶער און בְּרֵייטֶע הוֹיפְן אוֹיפְן וֶועג. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען דִי נִיגוּנִים פוּן דִי מִשְׁנָיוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג. עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיף זַיין זֵייגֶער און זֶען אַז עֶר הָאט נָאךְ גַאנְצֶע צְוָואנְצִיג מִינוּט פַאר מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען.

אוֹיפְן וֶועג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי אַ הוֹיף פוּל מִיט הִינֶער, און זֵיי בַּאטְרַאכְטְן מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע. עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן נָאכְצוּפָּאלְגְן דִי גְרוֹיסֶע קִיעֶן. צוּמָאל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ דָארְט פַארְזוּמֶען נָאךְ חֵדֶר פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּנְקְטְלִיךְ נָאכְצוּמַאכְן זֵייעֶרֶע קוֹלוֹת.

המשך אויף זייט 9